איש את רעהו יעזרו ולאחיו יאמר חזק

בחור היקר

# אין אידיש גערעדט

מיר רעדן דיין שפראך

שנה ג׳- גליון פו׳
פרשת חיי שרה תשפ״ג

י״ל ע״י

**לוי יצחק שנעק**

**בעל מחבר ספרי יש לחקור**

**מגי״ש בישיבת קנין תורה**

להערות ולנדבות, ולכל עניני הגליון ולקבלת העלון בדוא״ל יכולן לפנות .

315-400-1818

1818yiddish@gmail.com

## האבן מיר פארלוירן די עלעקשנס??? אדער די שכל הישר!!!

חיים, דער עולם דא זעט נישט אויס אין א גוטע גיסטע... קען איך אפשר וויסן וואס ס'איז געשען??? פארוואס איז דער עולם אנגעזעצט? משה דו ווייסט טאקע נישט פארוואס דער עולם איז נישט אין א גוטע גיסטע... פארוואס דער עולם איז אנגעזעצט... חיים,ניין, איך שעם זיך נישט צו זאגן אז איך האב נישט קיין אהנונג...

משה, דו האסט מיטגעהאלטן די עלעקשנס פאריגע וואך צווישן גאווערנער האוקל און לי זעלדין? יא חיים, איך האב מיטגעהאלטן... נו וואס גייט פאר... משה, וואס מיינסטו מיטן פרעגן 'וואס גייט פאר', דו ווייסט זייער גוט וואס גייט פאר, מיר האבן פארלוירן!!!!! ס'איז צרות... וואס גייט זיין מיט די חינוך... מיט אונזערע קינדער... די רויבערייען... די שיסערייען... אונז האבן מיאוס פארלוירן... אונז וואלטן זיך נישט געדארפט צוהערן צו די עסקנים, זיי האבן אונז גוט פארפירט... אונז זענען אויסגעשפילט!!!!!

**חיים, דו האסט א טעות, מיר האבן נישט פארלוירן די וואלן!!!!!**

וואס??? משה, האב איך גוט געהערט... אונז האבן נישט פארלוירן...??? משה, איך ווייס נישט אין וועלכע וועלט דו לעבסט... איך ווייס נישט צווישן וועלכע מענטשן דו דרייסט זיך... אבער וויפיל איך ווייס... און יעדער ווייסט, האט לי זעלדין פארלוירן... און נישט נאר וואס האוקל האלט אזוי... נאר ער אליין... זעלדין אליין האט שוין אויפגעגעבן די פארמעסט... און דו זאגסט אז אונז האבן נישט פארלוירן די וואלן!!!!!

**יא חיים, דו האסט זייער גוט געהערט... אונז האבן נישט פארלוירן די וואלן!!!!!**

משה, איך האב פארגעסן, דו האסט דאך זייער ליב לומדות... און נישט סתם לומדות נאר חקירות... נישט אומזיסט רופט מען דיר דער 'בעל יש לחקור...' מן הסתם מיינסטו צו זאגן אז אונז האבן נישט פארלוירן מיט א 'יש לחקור...'

**'יש לחקור' וואס מיינט אז איינער האט פארלוירן אן עלעקשן...**

**צד א' איז:**
דאס וואס איינער האט נישט געווינען, מיינט דאס אויטאמאטיש אז ער האט פארלוירן... וואס דאס איז באמת די פשוט'ע פשט.

**צד ב' איז:**
ס'איז דא אזא זאך ווי געווינען... און ס'איז דא אזא זאך ווי פארלירן... אבער דאס אליין אז איינער האט נישט געווינען מיינט נישט אז ער האט פארלוירן...

**חיים, וויאזוי קען זיין אז איינער האט נישט געווינען... אבער ער האט אויך נישט פארלוירן!!!**

משה, איך בין געווען זיכער אז אזא למדן ווי דו וועסט אליין פארשטיין פשט... אבער איך וועל דיר מסביר זיין... חיים, וואס מיינט אן עלעקשן? למשל יעצט ביי די גאווערנער וואלן אין ניו יארק וואו האוקל האט געווינען... אוודאי איז דא די פשוט'ע מציאות אז די עלעקשן איז געווען ווער ס'וועט זיין די גאווערנער... אבער באמת, חוץ וואס מ'וועלט אויס די גאווערנער, ווייזט די וואלן אויך וויפיל פראצענט ווילן אז זי זאל זיין די גאווערנער... איז אויב אין אזא שטאט ווי ניו יארק, וואס ס'איז זייער שטארק גענויגט צו די דעמאקראטן... ווי ס'איז באקאנט אז ניו יארק איז זייער א ליבעראלע שטאט... האט א רעפאבליקאנער קאנדידאט געקענט קומען אזוי נאנט צו די דעמאקראטישע קאנדידאט... מיינט דאס אז ער האט נישט פארלוירן... ס'ווייזט אז ער האט גאר א שטארקע כח אין די שטאט... אז כמעט פופציג פראצענט פון ניו יארק האט געוואלט אז ער זאל זיין דער קומענדיגער גאווערנער... ווייזט דאס אז ס'איז דא גאר א שטארקע נישט צופרידנהייט פון די ניו יארקער, אויף אזוי ווייט אז פופציג פראצענט פון ניו יארק, וואס א גרויסע חלק זענען דעמאקראטן און וואוטן סתם אין די וועלט אריין פאר די דעמאקראטישע פארטיי, נישט קיין חילוק ווער ס'איז... האט דאסמאל פארשטאנען אז גענוג איז גענוג... און זיי האבן געוועלט פאר א צווייטער פארטיי... קומט אויס אז די צווייטע פארטיי, אפילו ער האט נישט געווינען.... אבער ער האט נישט פארלוירן.

**חיים, איך מיין נישט קיין לומדות... איך מיין במציאות, מיר האבן נישט פארלוירן די וואלן**

משה, יעצט הייב איך ווערן נערוועז... איך האב פראבירט צו גיין מיט דיין לומדות, צו מסביר זיין פארוואס דו זאגסט אז מיר האבן נישט פארלוירן... אבער יעצט זאגסטו מיר אז דו מיינסט נישט קיין לומדות נאר דו מיינסט במציאות...

**ביסטו אפשר ווי טראמפ וואס לעבט נישט מיט די מציאות**

טראמפ האט אויך נישט פארלוירן, ווייל ער לעבט נישט מיט די מציאות... און ווען דו וועסט אים פרעגן ווער ס'האט געווינען, וועט ער זאגן אז ער האט געווינען... די גאנצע וועלט איז משוגע, און נאר ער איז נארמאל... משה, דו זעסט אויס די זעלבע, יעדער ווייסט אז אונז האבן פארלוירן און האוקל האט געווינען...

**חיים, איך וועל דיר זאגן נאכאמאל, אונז... האבן... נישט... פארלוירן...!!!**

משה, האב מיר א גוטן טאג... גיי קיין פלארידע און טרעף זיך מיט טראמפ, ער וועט זיך זייער פרייען אז ענדליך... ענדליך... האט ער געטראפן נאך איין מענטש אויף די גאנצע וועלט וואס האלט ווי אים, אז ער האט נישט פארלוירן די עלעקשנס... און אפשר קענסטו גאר גיין צו זעלדין, ער וועט זיך פרייען צו הערן אז ער האט נישט פארלוירן... חיים, איך גיי נישט צו טראמפ... און נישט צו זעלדין... ווייל למעשה האבן זיי ביידע פארלוירן די וואלן...

**משה, איך בין שוין אינגאנצן צעמישט!!!**

קודם זאגסטו מיר אז אונז האבן נישט פארלוירן די וואלן... און ווען איך זאג דיר אז דו רעדסט קעגן די מציאות, זאגסטו מיר נאכאמאל מיט א בלעכענע פנים אז אונז האבן נישט פארלוירן... און יעצט ווען איך זאג דיר אז דו זאלסט גיין צו טראמפ... אדער גאר זעלדין... און אים זאגן אז דו האלטסט אויך אז זיי האבן געווינען, זאגסטו מיר אז דו קענסט נישט גיין, ווייל זיי האבן פארלוירן... משה מאך אפ וואס דו ווילסט, אדער יא אדער ניין, ווייל איך ווער שוין אינגאנצן צעמישט... חיים, איך וועל דיר זאגן, אבער הער זיך גוט צו

**זעלדין האט אפשר פארלוירן... אבער אונז האבן נישט פארלוירן!!!!!**

משה, איך פארשטיי נישט, אויב האט רוב כלל ישראל וואס וואוינען אין ניו יארק געוואויט פאר זעלדין... און דו ביסט מודה אז ער האט פארלוירן... איז וואס הייסט אז אונז האבן נישט פארלוירן??? חיים, איך ווייס אז איך האב דיר אביסל אנגעצויגן, אבער וויבאלד די נקודה איז אזא וויכטיגע, האב איך דאס געדארפט

גוט ארויסברענגען... אבער זיי רואיג, איך וועל דיר אלעס מסביר זיין בטוב... טעם... ודעת... אבער קודם א מעשה.

**מעשה שהיה כך היה**

דער בריסקער רב זצ"ל איז געווען אין 'זכרון משה שטיבלאך' אין ירושלים עיה"ק, און ס'האט געפעלט א צענטער פאר מנין, האט ער געבעטן פון איינעם אז ער זאל ארויסגיין זוכן 'א צענטער...' דער איד איז ארויס פון בית המדרש, אבער ער האט קיינעם נישט געזען... איז ער געגאנגען צום סוף גאס, און פראבירט טרעפן א איד וואס האט נאכנישט געדאווענט, אדער וואס וויל משלים זיין מנין... אבער

**אין קול ואין עונה**

ס'איז נישט געווען צום געפינען קיין צענטער... בלית ברירה איז ער צוריק געגאנגען צו די שטיבלאך אליין אן דעם צענטער... ווי נאר ער קומט אריין אין די שטיבלאך, זעט ער אז ס'איז שוין דא א צענטער... און מ'האט זיך תיכף געשטעלט דאווענען מעריב...

נאך מעריב קומט דער בריסקער רב צו צו דער מענטש, און ער זאגט אים א גרויסן שכח פארן ברענגען א צענטער... דער איד איז געווען זיכער אז דער רב האט געמאכט א טעות, ווייל ס'איז אים דאך נישט געלונגען צו ברענגען א צענטער... האט ער זיך אנגערופן צום בריסקער רב, דער רב האט א טעות, איך בין טאקע ארויס זוכן א צענטער, אבער איך האב נישט געברענגט קיין צענטער... און דער בריסקער רב האלט זיך ביי זיינס:

**איר האט יא געברענגט דעם צענטער!!!!!**

דער איד ווייסט נישט וואס צו טראכטן. ער קוקט אן דעם בריסקער רב... און דער בריסקער רב קוקט אים אן, און ער זאגט אים: ר' איד, איך וועל אייך מסביר זיין וואס איך מיין צו זאגן... די וועלט האט א טעות, מ'מיינט אז די תוצאות קומען פון די השתדלות... און אויב איינער טוט השתדלות און ס'קומט פון א צווייטער פלאץ, קומט אויס אז די השתדלות האט נישט געהאלפן... אבער זאלסט וויסן

**איינע פון די גרעסטע טעותים וואס די וועלט מאכט איז...**

**אז די השתדלות און די תוצאות האבן א שייכות... אבער באמת האט די השתדלות גארנישט צו טון מיט די תוצאות... ס'איז דא א מצוה פון מאכן השתדלות... און די תוצאות קענען קומען פון גאנץ א צווייטער פלאץ... אבער די השתדלות האט דאס גורם געווען... ווייל באמת אלעס קומט פון דעם באשעפער, וואס פירט די גאנצע וועלט... נאר ס'איז א מצוה צו מאכן השתדלות, און איינמאל דו האסט געמאכט השתדלות דארפסטו שוין מער גארנישט טון...**

**אבער די השתדלות האט גארנישט צו טון מיט די תוצאות!!!!!**

**ממילא, אז דו ביסט געגאנגען זוכן א צענטער, האסטו געטון די השתדלות... ממילא איז דער צענטער אנגעקומען, ממילא דארף איך דיר זאגן שכח ווייל דו האסט געברענגט דער צענטער**

**משה, ס'איז זייער א שיינע מעשה, אבער וואס האט דאס א שייכות מיט דאס געווינען אדער פארלירן די עלעקשנס???...**

**חיים, איך וועל דיר מסביר זיין... אבער קודם וויל איך דיר פרעגן אפאר קשיות.**

**קשיא א', וואס איז געווען די מטרה וואס מיר האבן געוואלט מיט די עלעקשנס???**

**משה, וואס הייסט וואס די מטרה איז געווען... די מטרה איז געווען אז זעלדין זאל געווינען... ok.**

**קשיא ב', פארוואס האט מען געוואלט אז ער זאל געווינען?**

**משה, וואס איז בכלל די קשיא, ווייל ער האט צוגעזאגט אז ער וועט זיך אננעמען פאר אונזער חינוך... ok.**

**דריטע קשיא, ביסטו זיכער אז אויב ער וואלט געווינען וואלט ער זיך טאקע אנגענומען פאר די חינוך... אדער ווער זאגט אז ער קען בכלל זיך אננעמען פאר די חינוך.**

**משה, ס'איז נישט פסח און איך וויל נישט הערן קיין פערטע קשיא... ממילא וועל איך דיר פרעגן די קשיא**

**וואס????? האט מען געוואלט מיט די עלעקשן!!!!!**

אויב איז נישט זיכער אז ער גייט געווינען... און אז ער גייט אונז קענען העלפן, איז פארוואס האט מען איבערגעדרייט א וועלט וועגן די עלעקשנס... חיים, זייער פשוט, אונז האבן גאר א גרויסע פראבלעם... ס'איז דא א גזירת חינוך... און די רבנים האבן געזאגט אז אונזער השתדלות איז אז אונז זאלן ארויסגיין וואוטן... און די רבנים האבן געזאגט פאר וועמען צו וואוטן.... אבער דאס אלעס איז נאר געווען ווייל מיר מוזן טון השתדלות... און כלל ישראל איז געווען פאראייניגט, און מ'איז ארויסגעקומען שטימען, ווייל דאס איז געווען מצד דרך הטבע אונזער השתדלות... און תוצאות האט נישט מיט די השתדלות...

**ממילא האבן מיר בכלל... נישט... פארלוירן...!!!!!**

**ווייל דאס איז אונזער ארבעט צו מתפלל זיין... תשובה טון... און מאכן השתדלות... און אויב האלט דיין רב אז דאס איז די השתדלות דארפסטו דאס טון...**

**אבער וואס האט מען יא פארלוירן? די שכל הישר...**

**ווייל וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט הערט מען ווי קינדער... בחורים... יונגעלייט... רעדן, אז אונז האבן פארלוירן די וואלן... און אונז וואלטן ווען געדארפט וואוטן פאר האוקל... עסקנים האבן אונז פארפירט... אונז האבן דאס כמעט געמאכט... וכדומה... ווי כאילו ס'ווענדט זיך אין דעם... וואס דאס איז ממש פארקערט פון די אלף בית פון אידישקייט, אז דער באשעפער איז דער בורא... ומנהיג... והוא לבדו... עשה... ועושה... ויעשה לכל המעשים... און אז מ'זאגט אז ס'ווענדט זיך אין ווער ס'געווינט**

**דאס... אליין... איז א גזירת חינוך!!!!!**

**אז אונזערע קינדער האבן נישט די א-ב פון אידישקייט... אז די שפראך אין שטוב... אין בית המדרש... קאווע שטיבל איז אז מיר האבן פארלוירן... אדער געווינען.... ווי כאילו ס'ווענדט זיך אין זעלדין אדער האוקל... דאס קומט נישט אזוי. די א-ב פון אידישקייט איז אז ס'איז נאר דא איין זאך, דער מלך מלכי המלכים... וואס ער טוט אלעס... און אויף אונז איז נאר דא א חיוב השתדלות... און אויב האבן אונז געטון אונזער חיוב השתדלות לגבי די וואלן האבען מיר געווינען.**

**חיים, די שכל הישר האבן מיר פארלוירן!!!!**

ווייל מיר רעדן ווי כאילו ס'ווענדט זיך אין האוקל... אדער זעלדין.... ווען באמת ווענדט זיך אלעס אין דער מלך מלכי המלכים... און אונז דארפן מתפלל זיין און תשובה טון אז די גזירה זאל בטל ווערן... אין די זעלבע צייט טון אונזער השתדלות... אבער די תוצאה האט נישט קיין שום שייכות מיט די השתדלות...

**און דער יסוד איז פון די יסודות פון חינוך...**

אז ס'איז דא איין באשעפער וואס טוט אלעס פון אנפאנג ביזן סוף... און אלעס חוץ פון דעם איז נאר וועגן דער באשעפער האט געהייסן מאכן השתדלות... און אז מ'ווייסט דעם יסוד האט מען א צווייטע סארט לעבן, ווייל מ'ווייסט אז ווען מ'טוט וואס מ'דארף פארלירט מען נישט, ווייל אלעס קומט דאך פון דער באשעפער, קען דאך נישט זיין אז אויב איך וועל עובר זיין וואס ער זאגט וועל איך מאכן מער פרנסה... און ממילא איז מען רואיג, מ'האט א קאפ צום דאווענען און לערנען... ווייל מ'ווייסט אז אלעס קומט דאך ממילא פון אים, און די השתדלות איז נאר א מצוה... און נאר וואס ס'פעלט זיך אויס יוצא צו זיין... און אויב ס'פעלט דאס איז דאס באמת א גזירת החינוך... אויב ס'פעלט די יסודות קען מען קיין בנין נישט בויען.

**בקיצור למעשה**

קענסט זיין רואיג, אונז האבן נישט פארלוירן די וואלן, ווייל אונזער מטרה איז נישט געווען זעלדין אדער האוקל, אונזער מטרה איז געווען השתדלות וואס מיר מוזן טון, יעדער לויט וואס זיין דעת תורה האט גע'פסק'נט, אבער נישט מער ווי דעם... און איינמאל אונז האבן געטון אונזער השתדלות האבן מיר יוצא געווען, און די תוצאה האט גארנישט מיט די השתדלות...

דאס יא, אויב אונזער שפראך איז אז מיט די וואלן האבן מיר געווינען אדער פארלוירן, דאס איז זיכער א גזירת חינוך, ווייל אונז לערנען זיך אויס צו פארגעסן פון די עיקר... אז השתדלות איז ס"ה א מצוה, און די תוצאה האט גארנישט מיט די השתדלות, וואס דאס איז בעצם די יסוד פון א איד, אז 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'.